ר׳ ראָסקיס —

יש מפטירין אחר הפסח אפיקומן!

אַ פּסחדיקע מאכל פֿאַר אײַך.

מיט ווינטשן פֿאַר אַ כשר׳ן און

אַ זיסן פּסח.

עקבי


פרייז ד קאפ.
הגדה
של פרעסע
צו זאָגען מיט'ן ניגון פון דער
הגדה
פערפאַסט פון א חברה
בני־ברק
אונטער דער רעדאַקציע פון
בע... בע...
BRODATY.

# הַגָּדָה שֶׁל פְּרֶעסֶע

## אַ שְׁפָּאגֶעל־נַייע הַגָּדָה אויף הַיינְטִיגֶען פֶּסַח.

צוזאמענגעשטעלט לויט די לעצטע מפרשים און פערטייטשט אויף עברי טייטש פאר יעדען יודישען הויזגעזינד, וואו מע פערשטעהט יודיש, וואו מע לייענט א יודישע צייטונג און מע קלויבט קופאנעס.

צו זאגען מיט׳ן ניגון פון דער הגדה.

פערפאסט פון אַ חברה

בְּנֵי־בְּרַק.

אונטער דער רעדאקציע פון

בֶּע... בֶּע...




ה. ד. נאמבערג: ברידער, נעהט שלאפען! שרעקט אייך ניט פאר׳ן שיסער — איך בין דא! און די „פאלקסטימליכע געשיכטען״ זענען אויך מיט אונז. צוזאמען מיט דעם כפר בין איך געגאנגען גרוים אום צו באשיצען דעם רבי׳ן, זאל געזונד זיין!

# הַגָּדָה שֶׁל פְּרֶעסֶע.

**קדש** — דער וואָס ווִיל ווערען היינטיגע צייטען אַ רעדאַקטאָר פון אַ יודיש בלאַט, מוז ראשית חכמה זיך פאַרשטעלען פאַר אַ קדוש און פאָהרען אויף אַ רבינ'ס לויה.

**ורחץ** — ער וואַשט זיך כלומר'שט און טובל'ט זיך אין אַ כשר'ער מקוה, וואָטש פון דער ברכה „על נטילת ידים" האַלט ער שוין לאַנג נישט.

**כרפס** — ער בראָקט אָן אין זיין בלאַט אַריין ציבעלעס מיט קנאָבעל מיט שאַר פאַסקודסטווע, אוש עס שלאָגט צו דער גרינער נאָז.

**יחץ** — ער ברעכט זיך און וואַרפט זיך אויף אַלע זייטען, ער נוצט אויס כל המיטלען, דער קלענסטער טייל פון זיי איז כלומר'שט כשר, דער גרעס־טער טייל אָבער בעשטעהט פון לויטער שווינדעל און שמד־שטיק.

**מגיד** — יעדע צייטונג מוז זיך בעזאָרגען מיט עפּיס אַ מגיד, וואָס דרש'ענט פרומע דרשות, כמו ווי רבי הלל צייטלין.

**רחצה** — דער עיקר כל העיקרים ביי אַ היינטיגער יודישער צייטונג איז — אַ העלפסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן וועגען עפּיס אַ יודיש מיידעל, וועלכעס מע פיהרט אַוועק צום טערקישען סולטאַן אין הארעם. זי מעג הייסען בערטע, זי מעג הייסען לוציע, זי מעג אפילו הייסען — רח'צע.

**מוציא** — און נאָך אַלע גליקען זענען דאָ, ברוך־השם, יודישע צייטונגען, וואָס קלעקט זיי ניט די חלה אויף המוציא, כמו ווי „דער פריינד" נעבאַך.

**מצה** — ווידער זענען פאַרהאַן צייטונגען ביי יודען, וואָס האָבען אַ טעם פון מצה: טרוקען און אָהן זאַלץ — כמו ווי „די נייע וועלט".

**מרור** — מעהר שלים־מזל פון אַלעמען איז אָבער די צייטונג „אונזער לעבען" ווייל ס'איז איהר ביטער ווי דער טויט.

**כורך** — נאָר איין „היינט" האָט אָפּגעגאָלטען, מחמת ער האָט פערשטאַנען דעם שכל פון „כורך" — צו איינוויקלען אַ נאַקעט מיידעל אין אַ חסיד'ישער אַטלעסענער זשופּיצע.

**שלחן־עורך:** — דערבײַ ער איז דער „הײַנט" טאַקי אויף טיש און אויף בענק — ער האָט אַלעמען אין דער ערד.

**צפון** — רעד צו איהם און רעד צו דער וואַנט — ער קוקט נאָר בעת־מעשה אין פצון־זײַט.

**ברך:** — װיפיעל קללות מע האָט שוין אין איהם אַרײַנגעלעגט — עס העלפט נישט.

**הלל** — ער טהוט זיך דאָס זינגען: אונטען נעהט בײַ איהם „די בלוטיגע נקבה", און אויבען דבקה'ט זיך רבי הלל:

**נרצה** — אַז מע גיט אַ קוק אויף אָט די אַלע פיער יודישע װאַרשויער צײַטונגען, טראַכט מען בײַ זיך: אַזאַך און וועה איז צו אײַך אלעמען!"...

---

(איינער פון די רעדאקטוירים, לאָמיר זאָגען רבי מרדכי ספעקטאָר, הויבט אויף אַ טעלער מיט קליסקעלעך גלײַך צום מויל און זאָגט מיט גרויס כונה:)

הריני מוכן ומזומן — שוין צײַט עפּיס עסען.

**כהא לחמא עניא** — ס'איז אַלץ צוליעב דער קאָנקורענציע, ברידער, צוליעב אַ שטיקעל ברויט מיט הערינג, **די אכלו** — װאָרום איך דאַרף דאָך עסען. **כל דכפין** — אַז מען איז הונגעריג, טהוט מען נאָך ערגערע זאַכען, ניט נור מע גיט אַרויס יודישע צײַטונגען. **השתא הכא** — הײַנטיגעס יאָהר גיב איך דעם עולם נדן־פּאָליסען, **לשנה הבאה** — איבער אַ יאָהר, געדענקט מײַן וואָרט, װעל איך נאָך צוטראַכטען אַ שענערע מעשה...

(דאָ שטעלט זיך אוועק דער בן, לאָמיר זאָגען, אַז דאָס איז „דער פרײַנד", מאַכט אַ פרום וויינענדיג פנים און פרעגט מיט אַ טרויעריגער הארצרײַסענדיגער פאָלקסטימליכער שטימע די פיער קשיות:)

טאַטע, הארציגער, זיסער, געטרײַהער! גוואַלד, גוואַלד, וויפיעל טענות איך האָב צו דיר און וויפיעל קשיות איך וויל בײַ דיר פרעגען:

**מה נשתנה** — וועה איז מיר, זעה ניר, וואָס פאַר אַ פנים איך האָב בעקומען דאָ אין וואַרשוי. ס'איז מיך גאָר ניט צו דערקענען!...

די ערשטע קשיא איז: **שבכל הלילות** — פאַר וואָס עפּיס אין די גוטע יאָהרען, בשעת איך בין געווען אין פּעטערבורג, האָב איך מיך אויפגעפיהרט אַזוי, ווי עס האָט מיר געלוינט; אַז עס האָט מיר געלוינט — בין איך געווען ציוניסטיש, און אַז

עס האָט מיר געלוינט – בין איך געווען בונדיסטיש; – **הלילה הזה** — אָבער דאָ אין וואַרשוי בין איך עפּיס גאָר צעטומעלט געוואָרען. עס איז רעכט, אז איך בין דאָ געוואָרען חסידיש־רבייש־לוויש־וצלי״ש – איך ווייס אַליין ניט, אויף וואָסער וועלט איך בין!... איז איין קשיא.

די צווייטע קשיא איז: **שבכל הלילות** — פאַר וואָס עפּיס אמאָל, אין פּעטערבורג, האָט מען ביי מיר געקאָנט קריגען פון שאר ירקות – אמאָל אַ זיסען פעליעטאָן, און אמאָל אַ ביטערען אַרטיקעל; – **הלילה הזה** — איצט אין וואַרשוי, **כלו מרור** — איז ביי מיר גאָלע נאַרנישט... איז צוויי קשיות.

די דריטע קשיא איז: **שבכל הלילות** — פאַר וואָס עפּיס פריהער, אין פּעטערבורג, **אין אנו מטבילין** — האָבען מיר נישט געוואוסט צו זאָגען **אפילו פעם אחת** — אפילו פון איין ראָמאַן אויך ניט; – **הלילה הזה** — איצט אין וואַרשוי איז אָנגעשטאַנען אַ פּאַסקודנע צייט, **שתי פעמים** — וואָס מע מוז געבען צוויי ראָמאַנען מיט אמאָל: איינער – צעקאַליעטשעט פון וויקטאָר הוגאָ, און דער אַנדערער – וועגען יעקאַטערינאַ'ס „פאַוואָריטען"... איז דריי קשיות.

די פערטע קשיא איז: **שבכל הלילות** — פאַר וואָס עפּיס אין פּעטערבורג **אנו אוכלין** — האָט מען חאָטש געהאַט וואָס צו עסען – דאָס געשעפט האָט געטראָגען; – **הלילה הזה** — דאָ אין וואַרשוי **כולנו מסובין** — שטאַרבט מען פאַר אַ גראָשען...

(איינער אַ רעדאַקטאָר, לאָמיר זאָגען רבי יאַצקאָן, אין אַ פערשטאַלצעוועטער יאַרמאָלקע און אין אַ פערפלעקטען קיטעל, זעצט זיך אַוועק בהרחבה אויף אַ שיפערען קישעלע, צעשאָקעלט זיך מעשה ישיבה־בחור און ענטפערט מיט אַ ניגון און מיט שוים אין מויל:)

**עבדים היינו** — איהר ווייסט פאַר וואָס דאָס איז ווייל איהר אַלע זענט ביי מיר קנעכט און איהר מאַכט מיר נאָך יעדע בעוועגונג מיינע, יעדען טריט און שריט. איך אַ ראָמאַן – איהר אַ ראָמאַן. איך אַ מיידעל – איהר אַ מיידעל. איך אַ לוסט־רייזע צום סולטאַן אין האַרעם – איהר נאָך־פאָליסען. **ויוציאנו ביד החזקה** — איך האָב אייך אַלעמען מיט אייערע ציימונגען אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאַס, אויפ'ן פיש־מאַרק, און אייך אַלעמען אָפּגעטונקט אין אַ קאַליושע פון קאָפּ ביז פיס. **הרי אנו** — אָט זעהען מיר דאָך בעשיינפערליך, אַז די גאַנצע וועלט לייענט מיינע „בערטעס" מיט'ן גרעסטען פערגעניגען. **ובנינו ובני בנינו** — אפילו אַ קינד אין וויגע ווייסט דאָך שוין איצט אויך, וואָס ביים סולטאַן אין האַרעם קומט פאָר. **ואפילו כולנו חכמים** — אָנו, אַדרבה, זייט איהר חכמים און קאָפּ־מענשען און ווייסט איהר עפּיס אַ שפּיצעל, ווי אַזוי צו אויסחאַפּען ביי מיר דעם עולם! אַ פייג! **כולנו יודעים את התורה** — ניט אַלע ווייסען די תורה פון מאַכען „געשעפט" מיט אַ

ציַיטונג. **מצוה עלינו** — איז טאַקי דעריבער אַ מצוה אויף איַיך, רעכט אויף איַיך, ווי איך בין אַ יוד, וואָס איהר ווערט אלע נעשיוואָלען אויפ'ן פּיד. **וכל המרבה** — וואָרום ווער עס האָט היַינט דעם גרעסטען טיראַזש — **הרי זה משובח** — איז יענער טאַקי אויפ'ן פערד!...

**מעשה** — ס'איז געווען אַ מעשה ברבי פרץ ורבי נאָמבערג ורבי וויַיטער ורבי דאָקטאר מוקדון, **שהיו מסובין** — מע האָט געהאַלטען רעדעס בבני פילהאַרמאָניע, **והיו מספרים** — מע האָט געפּיַיערט און געפּלאַמט אויפ'ן יודישען טהעאַטער, **עד שבאו** — ביז וואַנען עס איז געקומען דוד פרישמאַן אין „היַינט" און גערעדט צו זיי אויף דיַיטש און געזאָגט זיי בזה הלשון: **רבותינו** — מיַינע הערשען! **הגיע זמן קריאת־שמע** — ליַיענט בעסער קריאת־שמע און לייגט זיך שלאָפען, וועט זיַין געזינטער אי פאַר איַיך, אי פאַר'ן עולם...

**אמר רבי צייטלין** — האָט רבי ציַיטלין געזאָגט: **הרי אני** — איך בין שוין, דאַנקען גאָט, אַ יוד מיט אַ באָרד ניט פון נעכטען, **ולא זכיתי** — פון דעסטוועגען האָב איך קיינמאָל די זכיה ניט געהאַט צו ווערען באַוואוסט ביַים עולם, **עד שדרשה** — ביז וואַנען איך האָב אָנגעהויבען האַלטען מיַינע פרומע דרשות אויף טיש און אויף בענק. איצט קען מיך שוין דער עולם, ווי אַ ביַיזען שלינגער. ווער רעדט, די לאַנגע קאַפּאָטעס — די זענען נאָך מיר געווים די כפרה! איך דרש'ע זיי ווענען וואָס איהר ווילט: ווענען בשר בחלב און ווענען פרישקעוויטש'ען, ווענען זהר און ווענען המנ'ען, ווענען רב נחמן בראַצלאַווער און ווענען משה שריַיפטגיסער, דער מענש פון האָלבערג'ס מענשען — און אלץ מיט'ן זעלבען איַמפּעט, מיט'ן זעלבען פיַיער און מיט'ן זעלבען אָטהעם. איצט בין איך צופריעדען, זעהר צופריעדען!... וואָס פעהלט מיר? **כל ימי חייך העולם הזה** — איך האָב, דאַנקען גאָט, אי עולם־הזה, אי עולם־הבא! **להביא לימות המשיח** — מע דאַרף שוין גאָר ניט אַרויסקוקען, אַזוי שטאַרק אויף משיח'ן, כלעבען!...

**ברוך המקום** — דאַנקען השם יתברך, מיר האָבען ניט וואָס צו זינדיגען. אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? **כנגד ארבעה בנים** — אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט: פיער רעדאַקטוירים אין וואַרשוי. **אחד חכם** — איינער גלאָזט פון זיך און מיינט, אַז ער איז דאָס דער חכם פון דער הגדה. **ואחד רשע** — און איינער איז טאַקי אַ רשע, אַ וואָלוועלע בריאה. **ואחד תם** — און איינער מאַכט זיך כלומר'שט תמ'עוואַטע, ווי ניט איהם מיינט

מען. **ואחד שאינו יודע לשאול** — און איינער קאן נעבאך קיין צוויי ניט צעהלען.

**חכם מה הוא אומר** — וואס קאן זאגען, א שטיינער, אזא חכם, ווי „דער פריינד"? — **מה העדות** — וואו האט איהר עדות, אז איך בין קאליע געווארען אין ווארשוי? מע האט מיך דען געחאפט ביי דער האנד?... **ואף אתה** — זאג=זשע איהם, דעם חכם, דערויף מיט'ן בעקאנטען ווער=טעל: **אין מפטירין** — דער, וואס קריכט ניט אויפ'ן קוימען, דער שמירט זיך נישט אום דאס פנים מיט סאזשע...

**רשע מה הוא אומר** — וואס זאגט א רשע? וואס זאל זאגען א רשע! א רשע זאגט מיט חוצפה: **מה העבודה** — וואס האט איהר זיך צוגעטשעפעט צו מיר? ווער פרעגט ביי אייך עצות? — **ואף אתה הקהה את שניו** — פאר אזעלכע ווערטער וואלט געווען א יושר, מע זאל איהם גוט אנלערנען, געבען איהם צו פערשטעהן, אז מע טאר איין עולם ניט האדעווען מיט סם=המות. **בעבור זה** — די צרה איז אבער, וואס דער עולם איז א גולם. **אילו היה שם** — עה, ווען עס זאל זיין ביי אונז א רעכטער, א לייטישער עולם, וואלטען מיר דאך אזוי מיאוס ניט פערקראכען!...

**תם מה הוא אומר** — וואס=זשע זאגט דער תמ'עוואטער? — דער תמ'ע=וואטער מאכט זיך דוויר=כשר=פיסעל, שטעלט אויס א פאר תמ'עוואטע אומשולדיגע אויגען און פרעגט כלומר'שט תמ'עוואטע: **מה זאת** — וואס איז דאס? דאס מיינט מען דען מיך?... איך בין נאט די נשמה שולדיג! מיך קענען אלע, אז איך בין א ליטעראט, א כשר'ער ליטעראט... **ואמרת אליו בחוזק יד** — אזא חברה=מאן זאלסט דו א נעם טהון אויפ'ן ציפבעל און איהם זאגען מיט'ן הארבען ווארט: פעטער! מאכט קיין קונצען נישט — מיר קענען אייך! מיר פערשטעהען אלע איירע שטיק! „ווידנא פאנא פא חאליאווע"...

**ושאינו יודע לשאול** — און דעם, וואס קאן נעבאך קיין צוויי ניט צעהלען, **את פתח לו** — זאלסט דו געבען אנצוהערעניש — אזוי צו זאגען: א יוד איין עם=הארץ, וואס גאנץ עדעל, אויפ'ן וואונק, **לאמר** איז טעמפליך אויף דער עברי און קאן נעבאך קיין צוויי ניט צעהלען, זאל ווייטער ניט האבען קיין מיאוס'ע טבע צו רוקען זיך. אויבענאן און אונטערצושרייבען זיך: „רעדאקטאר"...

**יכול מראש־חודש** — מע קאן אפילו אויסשרייבען א צייטונג נור אויף איין חודש, בעקומט מען שוין אויך גרן פאר

טעלעטער און לוסט-רייזעס און נאך טויזענד גליקען. אזוי זאגען צו די רעדאקטוי-רים, און מע מוז זיי גלויבען אהן א שבועה. אי ביום ההוא — אי די אפילו, וואס קויפען א יודיש בלאט יעדען טאג, וועלען אויך נתעשר ווערען פון די אויס-געשניטענע קופאנעס. בעבור זה — דאס איז אלץ פאר א נארנישט, פאר פיער גראשען. צוליעב אט די פיער גראשען אמפערען זיך אונזערע רעדאקטוירים צווישען זיך, רייסען זיך ווי די סעדיכלעס אויפ'ן מארק, זידלען זיך מיט כל הזידלערייען, מאכען איינס דאס אנדערע מיט דער בלאטע צו-גלייך. צוליעב אט די פיער גרא-שען שטאפען זיי אן דעם עולם מיט ווילדע נארישע אומגעלומפערטע ראמאנען, מיט אויסגעטראכטע מיאוס'ע סענסאציעס פונ'ם נידעריגסטען מין, וואס עס שלאגט פון זיי צו דער גרינגער נאל. צוליעב אט די פיער גראשען פערדארבען זיי ביז טיעף אין דער נשמה די יונגע קינדער אונזערע, די זיהן און טעכטער פונ'ם יודישען פאלק, וואס זענען געוואוינט לייענען א יודיש ווארט, און פארפאסקודען און פארעפושען דאס גאנצע יודישע לעבען...

אין נעטץ פון זינד.




יאצקאן: געחאפט א פאר העכט, ווי איך בין א מענש! זעה נור, ס'ארא פיינע צוויי פיש!... יאך וועל זיי אפשאבען לכבוד שבת און וועל זיי פערקויפען מיינע יודעלעך אויפ'ן מארק!...

**מתחלה** — אוי, אמאל איז געווען פיעל בעסער ווי היינט! אמאליגע יאהרען ווענען די צייטונגען געווען ערנסט און ערליך און האבען געהאט אין זינען די טובה פון פאלק. מע האט געשריבען ווענען זאכען, און וועלכע מע האט הײליג געגלויבט, מע האט נישט גע'חנפה'ט קיינעם, מע האט נישט געלעקט די טע־לער ביי קיינעם. **ועכשו קרבנו המקום** — איצט אבער זענען אלע אפיקורסים מיט אמאל פרום געווארען. מע מאכט מיאוס'ע העויות, מע פארט אויף חסיד'ישע לויות, מע רעדט ווענען נאט און ווענען רבי'ן, מע פויקט און מע טרומייטערט — און אין הארצען לאכט מען זיך אויס פון אלץ, מע גלויבט אין נארנישט, אין גאר־נישט... **תרח אבי אברהם** — מע האלט דעם עולם פאר א תרח, ווארום דער עולם איז דאך טאקי א תרח, ווייבאלד אז ער גלויבט אין אזעלכע קאמעד־יאנטסקע שטיק...

**ברוך שומר הבטחתו** — אז וואויל איז צו דעם נארר, וואס גלויבט אין דער הבטחה פון די יודישע בלעטער,

וואס ווארט אויף זייערע נדן־פאליסען און לוסט־רייזעס. **חשב את הקץ** — וואס צעהלט די קופאנעס און נאהרט שוין דערלעבען דעם סוף חודש. **ידוע תדע** — חיסען זאלסט איהר זיין, יודען, אז מע פיהרט אייך אין באד אריין. **ועבדום וענו אותם ארבע מאות** — לכתחילה זאגט מען אייך צו תרפ"ט אלפים גלי־קען. **ואחרי כן יצאו ברכוש גדול** — נאכדעם וועט איהר בלייבען מיט א לאנגע נאז..

(אלע פיער רעדאקטאירים הייבען זיך אויף, נעמען אין האנד זייערע בלעטער, דעקען אויף די מיידלעך פון זייערע ראטאגען און זאגען הויך אויף א קול:)

**והיא** — און זי, דאס מיינט מען בערטע, **שעמדה** — האט אונז אלע־מען ארויפגעפיהרט אויף א גליטש און האט אונז אלעמען פאר־מיאוס'ט ביי ערליכע מענשען. **שלא אחד בלבד** — איין מיידעל איז שוין איצט ווייניג אין א צייטונג — מע מוז ווייזען דעם עולם צוויי און דריי. **והקדוש ברוך הוא מצילנו** — דער אייבערשטער זאל שומר ומציל זיין, צו וואס דאס קאן נאך דערגעהן!...

(דא דעקט מען צו די מיידלעך פון די ראטאגען און מע זאגט ווייטער:)

**צא ולמד** — היינט נעה טרעף, **מה בקש לבן** — וואס פון אזא יאצקאן קאן ארויסקומען! **ויגר שם מלמד** — אמאל איז ער, דאכט

זיך, געוועזען עדניך א מלמד, צי א ישיבה־בחור, **כי כבד הרעב** – און האט גע־עסען טעג, **ועתה** – און איצט ניט ער דאס ארויס ציימונגען פאר יודען און איהם: גאנצען עס נאך אלע רעדאקטוירים! אז אך און וועה, אז מיקיטא איז א סטאראסטע!...

**במתי מעט** — צוליעב א נארנישט מאכט מען אין אונזערע בלעטער א גאנצען הארמידער. **ויהי שם לגוי** – אט ערשט האט זיך געמאכט עפיס א מעשה מיט א גוי, וואס דער רעדאקטאר פון „אונזער לעבען" האט אוועקגע־שטעלט ביי דער מאשין אנשטאט דעם ארויסגעטריבענעם יודען, **גדול עצום** – איז געווארען א גרויסער סקאנדאל. מע האט זיך כלומר'שט אנגענומען דעם יודענס קריוודע, און זינען האט מען אבער געהאט נור די קאנקורענציע, נור די פאר גראשען... **ורב כמה שנאמר** – וועך שטועסט, אז עס האט זיך אנגעהויבען דער רבנים־צוזאמענפאהר אין פעטערבורג, **כצמח השדה** – האבען זיך גענומען שיטען לויב־ארטיקלען אין די ציימונגען, ווי שוואכען נאך א רעגען. מיט חנפה'ט די רבנים, מע לעקט זיי און מע גלעט זיי די פאות, מע קוקט זיי אין די אויגען ארייין, טאמער וועט מען פון זיי געבויט ווערען און דער מיראזש וועט זיך אויפהויבען... **ואומר לך בדמיך חיי** – אוי, א הינטיש לעבען! אוי, א מיאוס לעבען!...

**וירעו אותנו** — און עס איז אנגעשטאנען א ביטערע צייט פאר'ן יודישען ווארט, פאר'ן יודישען געדאנק, וואס ווערד דערשטיקט אינ'ם דאזיגען עפוש. **הבה נתחכמה** – מע דארף עפיס טהון, מע מוז עפיס צוטראכטען א מי־טעל, ווי אזוי איבצוראטען און אויסצוראטען אזא מיאוס'קייט פונ'ם יודישען לעבען, ווי אזוי אפצורייניגען די לופט פון די דאזיגע געפעהרליכע באצילען, וואס קריכען אריין אינ'ם קערפער פונ'ם פאלק און מאכען איהם פוילען, און מאכען איהם מיאוס אויף דור דורות...

**ונצעק** — נאר נעה שרייי חי וקים, אז עס העלפט ניט דאס שרייען. **ויאנחו בני ישראל** – א יוד קאן העלפען נור מיט א זיפץ און נור מיט א קרעכץ. אפילו די שרייבער די יודישע, וואס זיי איז עס נוגע אפשר מעהר פון אלעמען, מאכען אויך א שוויי׳ג. **ויזעקו**–וואו מע דארף ניט, דארטען שרייען זיי דוקא: למשל, וועגען יודיש טהעאטער קלויבט מען זיך אין פילהארמאניע און מע קנאקט אויף וואס די וועלט שטעהט. **ואת עמלנו אלו הבנים** – די גאנצע צרה איז, וואס אונזער חברה שרייבער בעשטעהט פון יונגלעך. **כל הבן הילוד** – יעדעס יונגעל, ווי נור פון די וויקעלעך, ווערד פאני־בראט מיט פרצ'ען און שרייבט ביי אונז רעצענזיעס און שמירט קריטיקעס. **וגם ראיתי** – וואו איז דאס געזעהען געווארען, וואו איז דאס געהערט געווארען?...

**דבר אחר** — זײַט וויסען, יודען, אז דער דבר־אחר האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אײַך אין גאָרטען פון דער ליטעראַטור. זעה, אָן חריוקעט ער, אָן שטעלט ער זײַנע דבר־אחר׳ישע פיס, אָן טרעט ער און צעטרעט יעדעס גרינס, יעדעס גרעזעלע, וואָס גרינט און שפּראָצט אויף גאָט׳ס ערד אונטער דער ליעבער וואַרעמער זון. **אלו עשר מכות** — אָט זענען אַ שטיקלעך צעהן מכות, וואָס האָבען זיך געזעצט אויף דעם קערפּער פון דער איצטיגער יודישער פּרעסע, **ואלו הן**— אָט זענען זײַ:

(נעם די צײַטונגען אין האַנד און חײַז אָן מיט די פינגער:)

**דם** — מע מאַכט דעם עולם דום און טעמפּ און מע פאַרשטאָפּט איהם אַלע זײַנע חושים.

**צפרדע** — זשאַבעס אפילו זאָגען הײַנט שירה בײַ אונז און שרײַבען „פאָלקסטימליכע שטימונגען".

**כנים** — דאָס איז נאָר אַ מיאוס׳ע מכה, אײַן אומרײַניגע, וואָס קריכט אום אויף אַלע יודישע בלעטער.

**ערוב** — אַ מיש־מאַש, אַ פּלאָנטערניש פון פּוסטע פראַזען, אַזוי, אַז מע ווײסט ניט, אויף וואָסער וועלט מע איז.

**דבר** — אַ מגפה, אַ עפּידעמיע פון נאַרישע ראָמאַנען.

**שחין** — קרעציגע פּאָעזיע, וואָס קומט פון קראַצעניש און פון זוכעניש.

**ברד** — אַ האָגעל פון בראַוואָ־פּאַטשערײַ, וואָס יונגלעך און מײדלעך פּאַטשען אומליכען פראַזענמאַכער און יעדען טהעאַטער־קנאַקער.

**ארבה** — ווי די הײשעריקען בעפאַלט מען דעם צעטומעלטען עולם.

**חושך** — אין דער פינסטער האַלט מען איהם, דעם עולם, חאָרוב, וואָס מעהר ס׳איז פינסטער, אַלס מעהר ראָמאַנען לײענט מען, און וואָס מעהר ראָמאַנען מע לײענט, אַלס מעהר פיערנראָשענדיגע לײזען אונזערע רעדאַקטוירים אין זײער קלײַטעל.

**מכת־בכורות** — נאָר די גרעסטע מכה פון אַלע מכות איז די מכה פון בכורה: יעדער שרײַבער וויל זיך נעמען די בכורה, יעדער וויל זײַן דער האָהן, דער ערשטער אין דאָרף, דער אײן־און־אײנציגער ברען־פונקט אינ׳ם יודישען פערוויכערטען ליטעראַטור־לעבעל.

# רַבִּי פְּרִישְׁמַאן הָיָה נוֹתֵן בָּהֶם סִמָּנִים:

רבי פרישמאן האט עפּים יא אָנגעהויבען אַרויסצובעווייזען סימנים פון געזונדען פערשטאנד, איז עס אָבער ביי איהם אויסגערונען אונטער דער האַנד און ס'איז גאָר־נישט דערפון ארויסגעקומען. מע האט מעהר נישט געהערט פון איהם אז—

# דְּפַרַ״ץ בְּאַ״ש בְּנַמְבַּרְ״ג:

אָבער אַמאָל פרץ און ווידער אַמאָל פרץ; אָבער אמאל אַש און ווידער אמאל אש; אָבער אמאל נאָמבערג און ווידער אַמאָל נאָמבערג.

## כַּמָּה מַעֲלוֹת טוֹבוֹת —

וויפיעל שלעק האט דאס יודישע פובליקום אויסצושטעהן פון זיין בידנע ליטעראטור, משטיינס געזאגט!

**אִלּוּ** — ווען, למשל, פ ר ץ זאל ניט אַרויסגעבען זיין „יודיש" מיט'ן פּיפּערנאָטער אויפ'ן שער־בלאט, **דַּיֵּנוּ** — וואָלטען מיר אויך געקאָנט לעבען.

**אִלּוּ** — ווען „דער פרייַנד" וואָלט ניט געקומען אַהער פון פעטערבורג, **דַּיֵּנוּ**—וואָלטען מיר זיך אויך ניט געזעצט ווייַנען.

**אִלּוּ** — ווען אפילו ה ל ל צ י י ט ל י ן וואָלט זיך ניט אָנגענומען פאַר'ן כבוד־התורה אין „היינט", **דַּיֵּנוּ** — וואָלט אויך געווען אָהן סכנה.

**אִלּוּ** — ווען ס פ ע ק ט א ר וואָלט אונז ניט געשריבען זיינע „בענענעניסען" מיט דער „אָבעזיאַנע" אויף דער קאַליושקער באַהן, **דַּיֵּנוּ** — וואָלטען מיר אויך ניט געשטאָרבען פאַר אומעט.

**אִלּוּ** — ווען אפילו ו ו י י ט ע ר וואָלט אונז ניט געשריבען זיינע טיעפזיניגע שטיין־און־ביין־בעמערקונגען אויף זיין הילצערנעם יודיש, **דַּיֵּנוּ** — וואָלטען מיר אויך געבליבען די זעלבע חכמים.

**אִלּוּ** — ווען פ ר י ץ ה י ר ש ב י י ן וואָלט אונז ניט געבראַכט זיין ערדליכע טרופע פון כשר'ע בהמה'לעך־אַרטיסטען, **דַּיֵּנוּ** - וואָלטען מיר אויך ניט בדלות געווען.

**אלו** — חען, אַ שטײנער, דער קלוגער דאָקטאָר פֿון מוקדון וואָלט נעבליבען זיצען דאָרטען ערגיץ אין בערן און וואָלט ניט אַראָפּגעקומען צו אונז אום צו קנאַקען וועגען טהעאַטער און קונץ, **דינו** — וואָלטען מיר אידם אויך ניט געשיקט רופען.

**על אחת כמה וכמה** — הײַנט איצט, אַז מיר האָבען אָט די אַלע שלעק און אָט די אַלע אָנשיקענישען אויף אונזער קאָפּ,

**לכפּר על כל עונותינו** — זאָל דאָס חאָטש זײַן אײַן אָפּקומעניש, טאַטע הארציגער, פֿאַר אַלע אונזערע זינד די גרויסע!...

**לפיכך אנחנו חייבים** — דעריבער וואלט געווען א יושר, אז יעדער, וואס האט גאט אין הארצען, זאל נעמען א בעזעם אין האנד און קעדרען און אפקעדהרען און פארקעדהרען און ארויסקעדהרען דעם שמוץ, וואס האט זיך אנגעקליבען ביי אונז פאר די לעצטע עטליכע יאהר ונאמר לפניו שירה חדשה — און זאל מען שוין עפּיס דער־הערען א ניי ליעדעל, א ניי און א פריש ווארט, וואס זאל אונז ניי און פריש און ריין מאכען פאר גאט און פאר לייטען!...

---

(דאָ שטעהט אויף אײנער פֿון די רעדאַקטוירים, לאָמיר זאָגען רבי ספּעקטאָר, און רופט זיך אָן צו זײַנע קאָלעגען: „עולם, איצט דאַרף מען עפּיס עסען!")

(אצינד עסען אויף די טהיר, נעם אן פאר'ן קארק אלע פיער צייטונגען, שלייַדער זיי ארויס אויף דער גאס און זאג זיי נאָך דעם פסוק:)

**שפוך חמתך** — אויף וויסטע פעלדער, אין פוסטע וועלדער זאלט אידר נעדן. **אשר לא ידעוך** — מיר ווילען אייך נישט קענען, מיר ווילען אייך נישט וויסען!... **תרדוף באף** — פאריאגט און פארפלאגט זאלט איהר ווערען, **ותשמידם** — קיין געדעכעניש זאל פון אייך נישט בלייבען אונטער גאט'ס הימלען!...

---

# וּבְכֵן וַיְהִי בְּפִילְהַאַרְמַאנְיֶע:

**אז רוב נסים** — אַ קלייניגקייט, וואָס פאַר אַ נסים מען האָט בעוויזען אין פילהארמאָניע. פירען יודישע גדולים האָבען גע'דרש'עט אין פילהאַרמאָניע. אין יודישען טהעאַטער האָט מען געשאָסען פון פילהאַרמאָניע. פרץ האָט גערעדט מיט פינטעלעך אין פילהארטאָניע. נאָמבערג האָט געשפריצט פון מויל אין פילהאַרמאָניע. ווייטער האָט געהאַקט האָלץ אין פילהאַרמאָניע. דער דאָקטאָר פון מוקדון האָט געשוויצט און געסאַפּעט אין פילהאַרמאָניע. דער עולם האָט געקנאַקט „סיעמעטשקעס" אין פילהאַרמאָניע. ויהי בפילהארמאָניע. **שנאה נטר** — האָט זיך אָנגעצונדען אַ שנאָה בײַ פרישמאַנ'ען זינט פילהאַרמאָניע. געשריבען פעליעטאָנען ווענען די דרשות אין פילהאַרמאָניע. אָנגעהויבען מיט „באָנציע שוויַיג" און אויסגעלאָזט מיט פילהאַרמאָניע, גערעדט, דאַכט זיך, פון „פאַן טאַרעאוש".

און געקומען צו פילהארמאניע. אלע מיטוואך און פרייטאג אין „היינט" נור פילהארמאניע. וואו דו שטעהסט און געהסט — הערסטו דו פילהארמאניע. פילהארמאניע אהין, אהער — פילהארמאניע. עס פילהארמאניעט שוין אין קאפ פון אט דער פילהארמאניע. ויהי בפילהארמאניע.

---

# חסל סדור פרעסע:

**איין עק זאל שוין נעמען מיט דער פרעסע! כאשר זכינו — אזוי ווי זי הערט ניט, אזוי זאל זי ניט זעהען.**

# לשנה הבאה:

**איבער א יאהר זאל מען אידהער פטור ווערען!...״**

---

# חד גדיא, חד גדיא:

איין ציעגעלע, איין שעפעלע. אוי נעבאך א ציעגעלע, אוי א נאררישׁ שעפעלע!... זי געהט און קויפט א בלעטעלע פאר ארעמינקע גראשעלעך און שניידט ארויס קופאנדעלעך און לייענט נאך ראמאנדעלעך.

**ואתא** — קומט א מלאך־המות׳על, א דוד׳על א פרישמאנ׳דעל, און קוילעט אוועק דעם דאקטערעל, וואס שרייבט פאסקודנינקע ארטיקעלעך וועגען יודישען טהעאטערעל, וועגען ארעמע אקטיארעלעך, וואס טאנצען אויף

דער ביהנעלע אין ועקעלעך מיט לעכעלעך און זינגען־צו קופּלעטעלעך און מאכען מיט די אויגעלעך. צינדט זיך אָן א פייערעל אין רעדאקציע פונ׳ם פריינדעלע״, רייצט זי אן איהר חיה׳לע, א נפש׳על א קליינינקען, וואס מיאוקעט ווי א קעצעלע און דראפּעט מיט די נעגעלעך. גיסט מען זיך מיט וואסערלעך, שלאגט מען זיך מיט שטעקעלעך — און אלץ צוליעב׳ן ציגעלע, דער כשר׳ער בהמה׳לע, דעם עולם׳על דעם יודישען —

איין ציגעלע, איין שעפּעלע. אוי נעבאך א ציגעלע, אוי א נאריש שעפּעלע!...

ת. ם.


# פּסח ליטעראטור.

צו דעם נאָהענטען פּסח ערשיינען אין אונזער פערלאג די פאָלגענדע ביכער, זאמלונגען און בראָשורען:

1) **משה** אַ זאַמעלבוך, אין וועלכען עס קומען אריין אַרטיקלען׳ וועלכע בעלייכטען די נייטיגע פיזיאָגנאָמיע פון דעם ערשטען יודישען פיהרער און געזעצגעבער. (דאָס איז דער 6-טער באַנד פון דער „וועלט-ביבליאָטעק״)—פּרייז 25 קאָפּ׳.

2) שימין׳ס **פּסח=בלאט** ליטעראַרישעס

דער נומער איז זעהר רייך אין אינהאַלט, אויך מיט פיעלע אילוסטראַציעס. — 10 ק׳.

3) **הגדה של פּרעסע**

א הומאָריסטישע ליטעראַרישע הגדה מיט אָריגינעלע צייכנונגען און קאַריקאַטורען. צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט דורך בע..בע..
פּרייז 7 קאָפּ׳.

אדרעסע:
Изд. Книжн. маг. **Б. Шимина**
Варшава, Налевки 33.



Типографія И. Эдельштейна, Налевки 33.